# דברות קודש והדרכה לאברכים

## שדרש כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### לאברכי קהלתינו הק', פה בארא פארק יצ"ו, ביום א' פר' תרומה, באולם הילמאן פלאזא

דער מדרש זאגט אין תנא דבי אליהו, בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, ווען אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, מיד אמר הקב"ה, האט דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה.

איך האב געקלערט קען זיין אזוי, ס'שטייט אין חתם סופר פ' ברכה (עמוד קלח), ס'שטייט אין פסוק מימינו אש דת למו, אש דת ווערט געשריבן איין ווארט, אבער געליינט ווערט עס פאר צוויי ווערטער. אש דת אין צוויי ווערטער מיינט א דת של אש, די תוה"ק איז א דת פון פייער, הלא כה דברי כאש (ירמיה כג כט), די גמרא זאגט (תענית ד.) אז מען זעט תלמיד חכם דרתח, אורייתא הוא דקא מרתחא ליה, די תורה קאכט אין אים, די תורה איז פייער, די תורה קאכט. ווידער געפין מיר (תענית ז.) אז די תורה איז נמשל למים, אזוי ווי מים גייט ממקום גבוה צו מקום הנמוך, אזוי אויך גייט די תורה אראפ צו א מענטש וואס האלט זיך קליין. איז דאך דאס צוויי געגנגעזעצטע זאכן, ווען איך זאג אז די תורה איז נמשל למים, ווייזט דאס אז מען דארף האבן ענוה, און ווען איך זאג אז די תורה איז צוגעגליכן צו פייער, ווייזט דאס אז מען דארף האבן גיאות. דת של אש, האבן פייער פארן הייליגן באשעפער. זאגט ער אז ס'מיינט טאקע ביידע, מען דארף האבן ביידע בחינות, א איד דארף צו זיין א ענוותן, טאמער איז מען חלילה א בעל גאה קען זיך די תורה דארט נישט האלטן. אבער בלויז מיט ענוה קען מען אויך נישט עקזעסטירן, ס'פעלט זיך אויס דער ויגבה לבו בדרכי ה'. כדי צו קענען זיין א ערליכער איד מוז מען האבן מדת הגאות, צו וויסן איך בין חשוב, איך בין ווערט, מיין תורה איז חשוב אין הימל, מיין דאווענען קוקט מען ארויס דערויף אין הימל, דאס איז די ביידע ענינים אין פסוק, אשדת איין ווארט איז מלשון (דברים ג יז) אשדות הפסגה, ווי וואסער וואס קומט פון דערהייעך און ס'גיט אראפ, און ווען ס'איז נקרא אין צוויי ווערטער איז עס אש דת, א דת של אש.

דער טאטע ז"ל (ברך משה בהר עמוד ריב) איז מוסיף צו די ווערטער פונעם חתם סופר, ער טייטשט אויס דעם גאנצן פסוק, ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבת קודש, און נאכדעם שטייט מימינו אשדת למו. טייטשט ער דארט, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, פארוואס האט ער געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, זאגט דאך די גמרא אין סוטה (דף ה.) אז א מענטש דארף זיך אפלערנען מדעת קונו, השי"ת האט איבערגעלאזט די הרים הגבוהים און ער האט בוחר געווען אין הר סיני דער נמוך שבהרים, א נידריגע בארג, אבער א בארג איז עס, נאר נישט קיין הויכע בארג. פרעגט דער טאטע ז"ל, אויב דארף מען בוחר זיין אין נמוך שבהרים, זאל מען געבן די תורה אויף א פלאץ ווי ס'איז בכלל נישט קיין בארג, א פלאץ פלאץ, ווי ס'איז נישטא קיין גאות. זאגט ער ניין, דער אייבערשטער האט נישט געוואלט געבן אויף א פלאץ ווי ס'איז נישטא קיין בארג, ווייל א בארג דארף צו זיין, גיאות דארף מען צו האבן, נאר נישט א הויכע בארג, אבער מען מוז האבן גיאות. טייטשט ער ה' מסיני בא, ער איז געקומען מסיני א נמוך שבהרים, א נידריגע בארג, אבער א בארג, הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש, פארוואס, ווייל מימינו אש דת למו, ס'דארף זיין אש דת, אויך א דת של אש, די תורה האט מען געגעבן אויף עפעס א בארג דאס מרמז צו זיין, מען טאר נישט זיין אלעמאל א עניו, מען דארף וויסן מען דארף האבן מדת ענוה, און מען דארף האבן מדת הגאות.

איך האב געקלערט ס'קען אפשר זיין פשט אין פסוק (קהלת י ב) לב חכם לימינו, א חכם איז דער הארץ אויף די רעכטע זייט. וואס הייסט לב חכם לימינו, פארוואס איז די הארץ פון א חכם אויף די רעכטע זייט. די וועלט טייטשט, לב איז ל"ב, און די רעכטע זייט פון די למ"ד איז א כ"ף, און פון די בי"ת איז א אל"ף, איז עס די ווארט אך, און אך איז א מיעוט, וואס דאס ווייזט אויף ענוה. די לינקע זייט פון די למ"ד איז א מ"ם און פון די בי"ת איז א גימ"ל, איז עס די ווארט גם, וואס דאס איז א ריבוי, און דאס ווייזט אויף גיאות, לב חכם לימינו, א חכם האלט זיך קליין, און א נאר איז א בעל גאה.

דער ייטב לב אין פרשת נח און אין פרשת לך ברענגט ער אראפ, אז א חכם קען זיך משתמש זיין בשני הפכיים, פונקט געגנגעזעצטע טבעיות, ער ברענגט אראפ א שיין ווארט פון קדושת לוי , דער קדושת לוי טייטשט א פסוק (קהלת ב יג) וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החשך, א חכם איז מער ווי א נאר, אזוי ווי לעכטיגקייט איז מער ווי פינסטער, וואס איז דער דמיון וואס שלמה המלך זאגט. זאגט ער די גמרא אנהייב פסחים (דף ב.) טייטשט אור לארבעה עשר, אז ס'מיינט נאכט, און די גמרא ברענגט ס'שטייט הבוקר אור, אז אור איז טייטשט טאג, און די גמרא פירט אויס, אור איז תרתי משמע, אור איז טייטש לעכטיגקייט, און אור איז טייטש נאכט, ד. מ. טונקל. חושך מיינט נאר טונקל. א חכם אויב ס'פעלט זיך אויס קען ער זיך מאכן ווי א נאר, אזוי ווי דוד המלך בשנותו את טעמו, ווען ער איז געווען ביי ד פלשתים האט ער זי געמאכט ווי א נאר, א חכם קען זיך מאכן ווי א נאר, א נאר קען זיך נישט מאכן ווי א חכם, קומט אויס א חכם קען טון ביידע פעולות, אז ער וויל איז ער א חכם, און אז ער וויל קען ער זיין א נאר. אזוי איז אור אויך, אור איז תרתי משמע, זאגט דער קדושת לוי, יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החשך, אזוי ווי אור איז מער ווי חשך, אזוי זאגט דער קדושת לוי. און דער ייטב לב באנוצט זיך שטארק מיט דעם ווארט, דארט און אין פרשת תצוה.

און דער ייטב לב זאגט דארט, נח איז געווען א חכם, מיט וואס איז נח געווען א חכם, ווייל את האלקים התהלך נ״ח, און דער בעל הטורים זאגט אז די סופי תיבות איז חכ״ם. דער דור המבול זיי האבן געהאט ענוה פסולה, זיי האבן געטון אזעלכע דברים פחותים, נידריגע זאכן וואס פאסט אפילו נישט, א אנשטענדיגער מענטש וואלט זיך ווען געדארפט צוריק האלטן. און אז מען האט געפרעגט איינעם פון די אנשי דור המבול, פאסט דען דאס צו טון, האט ער געענטפערט, איך בין נישט קיין בעל גאה, איך בין עפעס שטאלץ, אזוי ווי דער רבי ר' זושא האט געזאגט (תהלים י ג) כי הלל רשע על תאות נפשו, דער רשע ווערט ווי א ענו אזוי ווי הלל כדי צו טון נידריגע זאכן, כדי ער זאל קענען נאכגעבן תאות נפשו. אנשי דור המבול זענען אויך אזוי געווען, זיי האבן זיך משתמש געווען מיט ענוה פסולה, נח האט געוואוסט אז מען טאר נישט זיין א בעל גאה, מען דארף זיין א ענוותן, אבער ווען ס'פעלט זיך אויס צו דרכי ה', איז ויגבה לבו בדרכי ה', האט זיך נח משתמש געווען מיט מדת הגאות, כדי צו וויסן איך האב א נשמה א חלק אלקי ממעל, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א הייליגע נשמה, א איד באזיצט א הייליגע נשמה, ער איז א קינד פון אברהם יצחק ויעקב, און איך דארף מאנען פון מיר און פאדערן פון מיר איך זאל ארויס ברענגען דעם תכלית וואס פעלט זיך אויס פאר מיין נשמה, ווייל איך האב א הייליגע נשמה אין מיר, אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א ריינע נשמה א הייליגע נשמה, און איך דארף זען עוסק צו זיין במצות ובמעש״ט.

האב איך אינזין געהאט, קען זיין דער פסוק לב חכם לימינו, דער חכם איז מקיים דעם פסוק מימינו אש דת למו, וואס דארט איז דא ביידע, דארט איז דא אשדות, און ס'איז דא אש דת. א חכם ווייסט דעם פסוק מימינו אש דת למו, אז ס'פעלט זיך אויס א דת של אש.

דער אייבערשטער האט געהייסן געבן א מחצית השקל, וואס דאס ווייזט אויף צובראכנקייט, א מענטש דארף צו וויסן ער האט נישט קיין שלימות, און דאס איז ענוה, א לב נשבר, זה לעומת זה שטייט אין פסוק דער לשון כי תשא, און ס'שטייט נישט כי תמנה. ווייל כי תשא איז טייטשט א לשון הייבן, א מענטש דארף זיך הייבן.

משה רבינו איז נתקשה געווארן במחצית השקל, מען הייסט געבן א מחצית השקל א רמז אז מען דארף זיין א עניו, און דער אייבערשטער זאגט כי תש״א את ראש בני ישראל, מען זאל הייבן את ראש בני ישראל, און דאס איז דאך א סתירה, האט אים דער אייבערשטער געוויזן א מטבע של אש, דער מימינו אש דת למו, וואס דארט איז מרומז ביידע, און ס'איז נישט קיין סתירה, ס'דארף צו זיין ביידע, הלא כה דברי כאש, אוודאי דארף א מענטש זיין א עניו און אויף דעם ווייזט מחצית השקל, ס'ווייזט אבער אויך כי תשא את ראש בני ישראל, אז א מענטש דארף זיך הייבן און וויסן אז ער האט א הייליגע נשמה, ער דארף פאדערן פון זיך, און דאס האט אים דער אייבערשטער פארענטפערט ווען ער האט אים געוויזן א מטבע של אש, דעם אש דת למו.

ס'קען זיין מען זאגט (בפיוט לתפלת מוסף), אור פניך עלינו אדון נשא ושקל אשא בבית נכון ונשא, אור איז תרתי משמע, אור איז טייטש טאג און אור איז טייטש נאכט, און פון דעם לערנט מען ארויס יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החשך. אור״ר פניך עלינו אדון נשא ושקל אשא בבית נכון ונשא, מען זעט אז ס'פעלט אמאל אויס צו זיין אין די בחינה פון נכון ונש״א, א דערהויבנקייט, ס'איז נישט גענוג בלויז ענוה, ס'פעלט זיך אמאל אויס אויך מדת הגאות.

אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, וואס איז פשט פון נעשה ונשמע, אידן האבן געזאגט נעשה, מיר וועלן טון דעם ציווי ה', און נאכן טון דעם רצון ה', וועט זיך דאכטן אז ונשמע, אז מען דארף נאך גיין הערן, מען דארף נאך גיין לערנען, ווייל מען האט נאכנישט אנגעהויבן צו טון, ווער ס'איז א ענוותן, נאכדעם וואס ער טוט די מצוה ווייסט ער אז ער האלט נאך ביי אלף, נאך נעשה, נאכן טון עבודות ה', איז ונשמע, ערשט דעמאלטס זעט מען אז מען דארף גיין לערנען און הערן ווי אזוי מען איז מקיים א מצוה, ווייל מען האט נאכנישט אנגעהויבן מקיים צו זיין די מצוה, מען איז ביי זיך אזוי צובראכן אז ס'דאכט זיך אז מען האט גארנישט געטון.

ווען אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, מיד אמר הקב״ה ויקחו לי תרומה, ער האט זיי געוויזן א מטבע של אש, ס'איז נישט גוט צו האבן בלויז ענוה, נאר ס'פעלט זיך אויך אויס מדת התנשאות, זיך צו הייבן.

## ויגבה לבו בדרכי ה'

און דאס איז וואס איך וויל דא זאגן פאר אינגעלייט, ענוה איז זייער א שיינע און הייליגע מדה, אבער אין די זעלבע צייט דארף מען אויך האבן – ווען ס'פעלט זיך אויס – גאות דקדושה, אז נישט איז עס ענוה פסולה. און ווי ס'שטייט אין ספרים (צמח ה' לצבי פ' עקב) ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, מה ווייזט אויף ענוה, ונחנו מה. דער אייבערשטער בעט פון א איד מדת ענוה, אבער נישט אלעמאל, כי אם ליראה, ווען ס'האנדלט זיך אין יראת שמים, דעמאלטס טאר מען נישט זיין קיין עניו און מען דארף נישט זיין קיין עניו.

איך וויל דאס זאגן דא פאר אנשי שלומינו אברכים אין בארא פארק, אוודאי דארף מען הארעווען אויף מדת ענוה, אבער מען דארף צו וויסן אז מען דארף צו האבן אויך א ענין פון גאות, מען **דארף וויסן איך בין א סאטמארער אינגערמאן און זיך נישט שעמען מיט דעם, מען דארף זיין שטאלץ אז מען איז א סאטמארער אינגערמאן, און דאס וועט ברענגען צו מצות ומעש״ט, דאס איז דער ויגבה לבו בדרכי ה'. ווען ס'האנדלט זיך ווי אזוי ער זאל גיין אנגעטון, איך רעד יעצט ווי אזוי ער זאל גיין אנגעטון, דארף ער פון זיך מאנען, איך דארף גיין מיט א געהעריגע חסידי״שע לבוש, און נישט זיך צופאסן צו וועלן געפעלן פאר די בארא פארק גאס. וויסן איך בין א חסידי״שער אינגערמאן, א ווארעמער געוויקעלטער חסידי״שער אינגערמאן, און איך דארף דאס צו פאדערן פון מיר, ווייל מיר פאסט אזוי צו זיין.**

**מען דארף מאנען פון זיך, אז איך בין א חסידי״שער אינגערמאן דארף איך האבן א חסידי״שע התנהגות, איך בין נישט סתם א פשוטער בארא פארק אינגערמאן אין די גאס, דורכשניטליך, נאר איך בין פון די בני עליה, ממילא פאדער איך פון מיר זיך צו פירן ווי איינער פון די בני עליה. דער לבוש אין שטוב דארף אזוי צו זיין, אז איך בין א חסידי״שער אינגערמאן דארף זי אזוי גיין אנגעטון, און מען דארף פירן די שטוב בכל פרטיה ווי א חסידי״שער אינגערמאן.**

**איך קען דען סתם אויפשטיין און גיין דאווענען, איך בין דאך עפעס**

**א חשובער אינגערמאן, און א חשובער אינגערמאן שטייט אויף און לערנט א שעה צוויי פארן דאווענען, איך בין נישט סתם איינער. מען מעג האבן גיאות און מען דארף האבן גיאות, כדי צו פאדערן פון זיך דארף מען וויסן אז מען איז א יש, און עס ארויסברענגען מכח אל הפועל. מען דארף קוקן מיט א ביטול אויף די גאנצע גאס, אויף אלעם וואס מען זעט, די גאנצע הבלי עולם הזה וואס מען זעט אין די שטיבער, אלעם אראפקוקן מיט א ביטול, איך בין פון די בני עליה וואס איך לעב מיט די תוה"ק, איך לעב און איך שטרעב אויף העכער'ס, אויף דברים רוחניים, אין די דברים גשמיים זענען ביי מיר דברים של מה בכך, ס'האט ביי מיר נישט קיין חשיבות, ווייל איך בין דאך א חסידי'שער אינגערמאן, און באמת האט עס טאקע נישט קיין חשיבות.**

## נישט זיין צופרידן ביי עניני רוחניות

דער זיידע ז"ל אין עצי חיים דא אין פרשת שקלים ברענגט צו דעם אפיקי יהודה (דרוש מקוה מים), שמח נפש עבדך כי אליך ה' נפשי אשא (תהלים פו ד), ס'איז דא מדת השמחה, מדת השמחה דאס איז הסתפקות, צופרידנקייט, איזהו עשיר, ווער איז א עושר, השמח בחלקו, ער איז פרייליך מיט זיין חלק, דאס איז שמחה, צופרידן און פרייליך מיט וואס מען האט, פרייליך מיט וואס מען פארמאגט, אבער א מענטש טאר נישט האבן מדת הסתפקות, א מענטש מוז האבן מדת השתוקקות, ס'זאל אים גלוסטן, איך קען איין מסכת, איך טאר נישט זיין צופרידן, איך וויל קענען צוויי, טאמער קען איך פיר, דארף מען וועלן קענען זעקס. א מענטש דארף האבן השתוקקות, אבער נישט אויף אלע ענינים, נאר אויף ענינים רוחניים, וואס איז נוגע עניני גשמיות, דארף מען האבן מדת הסתפקות, צופרידנקייט.

אזוי ווי ספרים טייטשן (קדושת לוי אמור) בשמים, וואס איז נוגע הימלישע זאכן, ממעל, דארף איך ארויפקוקן ווער ס'איז העכער פון מיר, קוק יענער דאוונט ערליכער פון מיר, יענער האט א שענערע התנהגות פון מיר, ער לערנט פלייסיגער פון מיר, ער איז מער תלמיד חכם פון מיר, ער איז מער יראת שמים פון מיר, ער איז מער בעל מדות פון מיר. בשמים איז ממעל, אבער ועל הארץ מתחת, דארף מן אלעמאל קוקן, איך האב נישט גענוג, יענער האט וויניגער, איך פארמאג אסאך ווייל יענער האט סאך וויניגער ווי מיר.

זאגט דער אפיקי יהודה, דוד המלך האט געזאגט שמח נפש עבדך, געב אריין אין מיר מדת שמחה מדת הסתפקות צופרידנהייט, אבער נישט אין אלע זאכן, כי אליך ה', ווען ס'קומט צו רוחניות, נפשי אשא, זאל זיך מיר גלוסטן, דעמאלטס זאל מיר גלוסטן צו זיין בעסער, און נישט זיין צופרידן ווי איך בין, דעמאלטס דארף איך ווערן בעסער און בעסער.

דער זיידע ז"ל זאגט, ס'שטייט כי תשא את ראש בני ישראל, כי תשא איז א לשון פון אליך ה' נפשי אשא, מען דארף האבן השתוקקות, גלוסטן אויף מער און מער, קען זיך דאכטן אז אויף אלעם דארף מען האבן השתוקקות, האט דער אייבערשטער געהייסן געבן א מחצית השקל, נאר האלב, אויף עניני רוחניות דארף מען האבן השתוקקות, אבער אויף עניני גשמיות דארף זיין הסתפקות, און דערפאר גיט מען א מחצית השקל, נאר האלב.

דאס איז דער דרך פון א ערליכער איד, און דאס איז וואס איך וויל אייך זאגן איינגעלייט, מען דארף האבן הסתפקות, יעדער האט ב"ה חתונה געהאט און מען האט א שטוב, יעדער האט ב"ה א דירה, ס'איז דא איינער וואס א שענערע דירה, און איינער וואס האט א געמיינערע דירה. דארף מען טראכטן, וואס איז אז יענער האט שענער, ס'איז דאך דא א צווייטער וואס האט וויניגער פון מיר, ארויסברענגען צופרידנהייט אין די עניני גשמיות. **אבער אין עניני רוחניות דארף מען האבן השתוקקות, אז מען קומט זיבן אזייגער אין ביהמ"ד זאל מען טראכטן יענער קומט זעקס אזייגער, יענער קומט פריער, און אויב קומט ער זעקס אזייגער זאל ער קוקן ס'איז דא ווער ס'קומט פינף אזייגער אין ביהמ"ד, האבן השתוקקות גלוסטעניש פאר מער און פאר מער.**

אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, וואס מיינט נעשה ונשמע, נעשה מיר וועלן טאן, אבער מען וועט נישט זיין צופרידן, ווייל ונשמע אונז וועל מיר וועלן הערן נאך און נאך, איך וועל נישט זיין צופרידן וואס איך טו, איך וועל זוכן ונשמע, וואס נאך איך קען ארייננכאפן, יענער קען בעסער ווי מיר, ער קען מער לערנען פון מיר, ער איז מער ירא שמים פון מיר.

אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, נאך נעשה וועט מען האבן השתוקקות, האט דער אייבערשטער געזאגט ויקחו לי תרומה, מען זאל געבן א מחצית השקל, השתוקקות דארף מען האבן אמאל יא און אמאל נישט, און צו דעם דארף מען האבן שכל צו וויסן ווען מען דארף האבן מדת הסתפקות, און ווען מען זאל האבן מדת השתוקקות, ווייל אויב פעלט די ריכטיגע שכל, דעמאלטס טוישט מען אויף, ווען מען דארף האבן השתוקקות האט מען הסתפקות, און ווען מען דארף האבן הסתפקות האט מען השתוקקות, מען האט ביידע מדות, נאר פונקט פארקערט. דארף מען האבן דעם ריכטיגן דעת אויסצונוצן וואס אויף וואס.

## טון חסד איינער פארן צווייטן

איך האב נאר אינזין געהאט דער אייבערשטער האט געזאגט ויקחו לי תרומה, מען זעט אידן, מען קען זיין א ערליכער איד א מדקדק במצות, ער לערנט ער דאוונט, עס קומט א טובה צו טון פאר א צווייטן, צו גיין נאך געלט פאר א צווייטן, וועט ער האבן צוואנציג תירוצים פארוואס ער זאל זיך מונע זיין. ווען אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע מיט א התלהבות, מיט א אהבה און א תשוקה צום אייבערשטן, האט זיי דער אייבערשטער געזאגט ויקחו לי תרומה, איך וויל זען צו דו קענסט א טובה טון און גיין נאך געלט פאר א צווייטן איד, ארויסהעלפן א צווייטן איד.

אלע צדיקים!, אלע!, האבן געזאגט נעשה ונשמע, און האבן אויך געזאגט ויקחו לי תרומה, ווייל די האבן אלע עוסק געווען אין שאפן געלט פאר א צווייטן איד, און דאס איז געווען דער דרך פון תלמידי בעש"ט, זיי האבן ארייננגעלייגט כוחות אויף דעם, יא!, ס'דארף זיין נעשה און ס'דארף זיין נשמע, **ס'דארף אבער זיין ויקחו לי תרומה אויך, א טובה טון, גיין נאך געלד בגופו בנפשו ובממונו.**

## זיך צוגרייטן צו א מצוה

אידן האבן מקבל געווען די תורה, אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, האט דער אייבערשטער געזאגט אזוי גייט מען צו צו קבלת

התורה, אזוי פשוט, ויקחו לי תרומה, זאגט רש"י לשון הפרשה, מען דארף זיך קודם מפריש זיין פון די גשמיות'דיגע זאכן, און נאכדעם קען מען צוגיין מקיים זיין א מצוה, מען קען נישט אריינקומען, אריינפאלן אין ביהמ"ד אריין דאווענען און לייגן תפילין אזוי פשוט פון בעט ארויס, דער אייבערשטער האט געזאגט ויקחו לי תרומה, הפרשה, זאלסט דיך קודם מפריש זיין פון די דברים גשממים, גרייט דיך צו צו א מצוה, **מען קען נישט צוגיין צו א מצוה, יעדע טעגליכע מצוה אדער א מצוה וואס איז במועדו, א יום טוב'דיגע מצוה, מען דארף זיך צוגרייטן לערנען פון די מצוה, מאכן א הכנה דרבה צו א מצוה, פון וואס באשטייט די מצוה, וואס איז די מצוה.**

דער ערוגת הבושם זאגט (פ' צו) אין המצוה נקראת אלא על שם מי שגומרה, האט ער געזאגט ס'איז א לשון גמרא, מען דארף לערנען פון א מצוה איידער מען איז עס מקיים, א הלכה פון די מצוה, די תכונה פון די מצוה, די סגולה פון די מצוה, די קדושה פון די מצוה, ווי אזוי די מצוה הייליגט א איד, לערן עפעס פון די מצוה, דאס וועט אריינברענגן נאכדעם השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה מיט חשק, מיט א געפיל, מיט א גליקליכקייט, אויב לערנט מען עפעס פון די מצוה, באקומט מען הרגשים ווען מען איז מקיים די מצוה.

אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, מיר גייען מקיים זיין מצות, האט דער אייבערשטער געזאגט ויקחו לי תרומה, תרומ"ה זאגט דער בעל הטורים איז תור"ה מ', לערן עפעס פון די מצוה, גרייט דיך עפעס צו צו די מצוה דורך די תורה, וועסטו קענען מקיים זיין די מצוה מיט א חשק און מיט א שמחה של מצוה.

גאנץ אנדערש לעבט א איד ווען ער לערנט א חסיד'יש ספר א גאנץ יאר, און כל שכן במועדו אין די ימים טובים, עפעס לערנען פון די מצוה, מען זאל עפעס קענען נאכזאגן פאר מיין שטוב, פאר מיינע קינדער אין שבת, עפעס נאכזאגן פונעם יום טוב, אריינברענגן אין די קינדער עפעס א תוכן עפעס א ווארימקייט צו השי"ת, און דאס קען מען נאר אויב מען גרייט זיך צו צו א מצוה.

## צוגרייטן צום דאווענען שבת אינדערפרי

**מען גרייט זיך צום דאווענען, יעדן טאג, און כל שכן שבת אינדערפרי, ביי חסידי'שע אידן איז געווען א מנהג ביי אלע צדיקים אז מען האט נישט געדאווענט פרי, פארוואס, ווייל מען האט געלייגט א דגוש אז מען זאל עוסק זיין בתורה פארן דאווענען, מען איז נישט אויפגעשטאנען און געגאנגען דאווענען, מען האט אראפגעלייגט א עבודה פון שעות פארן דאווענען.**

**איך וויל דא מאנען און פאדערן פון אלע אינגעלייט, יעדער אינגערמאן, דארף זיין שבת אינדערפרי שפעטסטענס אכט אזייגער אין ביהמ"ד, לערנען פארן דאווענען, צו אור החיים הקדוש, צו א חסידי'יש ספר, צו א בלאט גמרא, און ווער ס'וויל זאל זאגן תהלים, אבער טון עפעס, שפעטסנס אכט אזייגער אין ביהמ"ד.**

מען דארף עוסק זיין במצות מיט א מטבע של אש, מיט א פייער, טון א מצוה מיט א פלאם מיט א ברען.

## מרובין העושים את המצוה

איך האב איינזין געהאט אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע און דער אייבערשטער האט געזאגט ויקחו לי תרומה, מען זעט אינגעלייט, טייערע אינגעלייט חשובע אינגעלייט, באמת בני עליה, אבער פאר זיך, פארשלאסן אין די אייגענע ד' אמות, באמת ווען מען קומט אין ביהמ"ד, אינו דומה מועטין העושין את המצוה למרובין העושין את המצוה, מען קומט אין ביהמ"ד און מען זעט א ריבוי עם, דאס ברענגט אריין חשק פאר א צווייטן, אז מען קומט אין ביהמ"ד און מען דאוונט ברוב עם הדרת מלך, חסיד'ישע אינגעלייט קומען זיך צוזאם אין ביהמ"ד און מען דאוונט, וואס מאכט א חסיד'יש ביהמ"ד, **א חסידי'יש ביהמ"ד מאכט זיך ווען די מתפללים זענען חסידי'שע אינגעלייט, ווען זיי זאלן קומען אלע אין ביהמ"ד און זיך שטעלן דאווענען מיט א מטבע של אש, איז דאס א חסידי'יש ביהמ"ד אזוי ווי ס'באדארף צו זיין.**

אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, מיינט מען יעדער איינער פאר זיך אין זיינע ד' אמות, האט השי"ת געזאגט ניין, ויקחו לי תרומה, קיינער האט נישט געבויט דעם משכן אליין, יעדער איז געקומען און געברענגט עפעס, יעדער האט צושטייער געגעבן, ווי דער אלשיך זאגט אז מען האט געגעבן א מחצית השקל צו ווייזן אויף אחדות, איינער אליין איז גארנישט נאר אלע צוזאמען איז עפעס, ויקחו לי תרומה, נישט יעדער זאל זיין פאר זיך אין די אייגענע ד' אמות, נאר קומען אין ביהמ"ד אריין דאווענען צוזאמען לערנען צוזאמען.

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, די ספרי קודש זאגן (עיין אלשיך) אז דאס גייט נישט ארויף אויפן משכן, ווייל ס'וואלט ווען געדארפט שטיין ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכו, ושכנתי בתוכם מיינט צווישן אידן וועט דער אייבערשטער משרה זיין די שכינה, וכן תעשו, זאגט רש"י לדורות, וכן תעשו לדורות, מאכן די אייגענע שטוב פאר א מקדש מעט, פאר א הייליגע שטוב, מאכן די שטוב א בית קדוש, זיך צו פירן בין כותלי ביתו בקדושה ווי א ערליכער חסיד'ישער איד דארף זיך צו פירן, און דאס איז דער ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

דאס איז וואס איך האב געוואלט רעדן צו אינגעלייט תלמידי ישיבתינו הקדושה, **מען זאל זיך זען צוזאמען האלטן, לערנען צוזאמען דאווענען צוזאמען ס'זאל זיין אחדות שלום ורעות, און דער עיקר איז נישט נתפעל ווערן פון די גאס, מען דארף צו וויסן אונז זענען מיר העכער פון די גאס, און אונז דארף מיר זיך האלטן העכער, ממילא וועט דאס לערנען זיין אזוי ווי עס באדארף צו זיין, דאס דאווענען וועט זיין אזוי ווי עס באדארף צו זיין, במתינות, נישט אפכאפן דאס דאווענען, ס'וועט זיין גאנץ א אנדערע התנהגות.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אונז זאל מיר האבן הצלחה און אלעס וואס אונז טו מיר, ה' יצליח דרכינו מען זאל קענען אנגיין אין אלע ענינים, דער אייבערשטער זאל משפיע זיין שפע ברכה סיי פאר די אינגעלייט וואס זיי זיצן על התורה ועל העבודה, יושבי ביהמ"ד, און סיי פאר די אינגעלייט וואס גייען זוכן פרנסה און זיי ארבעטן, זאל דער אייבערשטער העלפן אלע זאלן האבן וואס מען דארף, בני חיי ומזוני רוויחי, משנכנס אדר מרבין בשמחה, מיט שמחת התורה, און אלע עניני שמחה, דער אייבערשטער זאל ענק יעדן באגליקן א ברכה בכללית און א ברכה בפרטיות פאר יעדן איינעם, דער אייבערשטער זאל העלפן תענוג ונחת ביי די קינדער מען זאל זיי גרינגערהייט מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן מיר ווערן אנטקעגן גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.